IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**From The Depths**

by **Chava Rosenfarb**, translation by Hannah Pollin-Galay

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2022)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/from-the-depths]

# From the Depths

Chava Rosenfarb
translated by Hannah Pollin-Galay

**Introduction:** Chava Rosenfarb's poem "Mimaamakim" (From the Depths) is both an elegy and a love letter. Rosenfarb opens the poem with a dedication to the "ruins of the Lodz ghetto," her hometown where she was raised and then imprisoned before being deported to Auschwitz in 1944. Defying the ethos of 'non-representability' in Holocaust literature, Rosenfarb takes us on a vivid tour of the ghetto, entering homes, digging into corners, picking up sounds and images as she goes. While the lyric voice speaks initially to the Lodz ghetto, that addressee transforms as the poem progresses. Sometimes she is speaking to a song of the ghetto, and at other moments to its singer, the ghetto bard, Simcha Bunim Shayevitch, who was her mentor, her friend, and possibly her lover. He is depicted directly in the poem and also recognized in a footnote. Multiple poetic motifs — the spider, the Shekhina, unsung songs — echo Shayevitch's poem "Lekh lekha" (Go forth).[1] In an act befitting the title, imbibing the language of others and taking someone else's music into one's "depths" is a process explored within the poem.

Rosenfarb wrote this poem in Brussels in 1946, soon after her liberation from Bergen-Belsen. As Rosenfarb later recalled, she felt an unstoppable urge to write and repossess her voice at this moment. Rosenfarb's youthful buoyancy expresses itself best in the music of the poem, its rhyme, which I have tried to preserve wherever possible. At the same time, the poem contains an intellectually mature, programmatic message with regard to language. Embedded throughout the poem are special terms drawn from the intricate argot of the ghetto. In her introduction to the 1947 volume *Di balade fun nekhtikn vald un andere lider* (The Ballad of Yesterday's Forest and other Poems), where this poem was first published, Rosenfarb explains that she included these specialized words intentionally, hoping that they could "become everyone's shared estate [alemens eygentum]" (4). Her poetry was an opportunity to teach a secret code and build community around it. I have therefore preserved some of these specialized terms as well as Rosenfarb's footnotes glossing those terms, which playfully enhance and counteract the verse text.

[1] Simcha Bunem Shayevitsh, *Lekh lekha* (Warsaw: Centralna Zydowska Komisja Historyczna, 1946).

This duality of the poem, the tension between Rosenfarb's intellectual program and her musicality, also informed my translation process. I first translated this poem in order to teach it to an undergraduate class called "A Woman's Language? Sexuality, Gender and Yiddish Literature" at Tel Aviv University. Having shared my tentative English rendering, I asked each of the students to translate a few stanzas into their respective first languages. I received responses in Hebrew, Russian, German, and Arabic. Hearing the poem in this wide array of languages, I understood that "From the Depths" could arouse passionate interest among non-Yiddishists and be rendered legible far beyond its original context. Given that Rosenfarb addressed this first book of poems to "You from other nations, and you, our own brethren who did not experience these cruel years," (3) I think she would have been happy to learn of the text's capacity to traverse lingual and cultural boundaries.

In addition, my students helped me to embrace the sense of joyous experimentation in the piece. While I had initially made some more academically-oriented translation choices, emphasizing Rosenfarb's interest in the language of the ghetto, my students were drawn to other aspects of "From the Depths": Rosenfarb's emotional swings, her outbursts of spirituality, and her ambition to make a Holocaust poem into a sensuous piece fit to be read aloud. Thus — as Rosenfarb incorporated her mentor's voice into her own lines — it is my hope that some aspects of my students' voices can be heard in my translation.

*I wish to thank Raphael Halff, Julian Levinson, Miriam Sagan. and Jeffrey Wallen for their comments on this translation. Research for this translation was supported by the Israel Science Foundation, (grant No. 467/20).*

# From The Depths

*For the ruins of the Lodz Ghetto*

From the depths I call you,
Song of home interrupted…

There, amid rotten fences and blind holes
You trace your own tracks,
Like a stray dog.
Along shingles of scattered roofs, you rove,
Like a spider, alone
On the gray web of her generation.

There, you weep into a dried-up well
Like a child, gasping
At a mother's stricken breast.
From inside a fallen chimney, you wail
Lamenting, abandoned
—a graveyard's wind.

There, you cry into windows stripped of glass,
Like an autumn fly
In its dying shiver.
Amid stone ruins, you sway with the grass,
Like the soul over a grave
Like the Shekhina over a cradle, you hover.

You, holy song of ruined home
You wander the streets, empty, bereft
And you call from every rag, from every stone
Your mute call, mimaamakim, from the depths.

Right there, I see you on Mlinarski Street, Marishiner
How you, in dry earth, wither with the thorn.
You used to grow in the garden plot, the *botvine*[2]
Turning red to green before every door.

And while slender onions grew there,
Potato patches smiled in bloom.
There a ghetto woman did her weeding,
And a ghetto man, with a watering can, strode through.

---

[2] In the ghetto almost every person had a plot of earth [*botvine*] to cultivate. The fruits of this labor fed the soul more than the body (Rosenfarb's note).

And birds never sang so sweetly
As there, perched on a thin branch.
Hope never grew so greenly
As on a crooked ghetto-patch.

And though the heavens hung above
Surrounded by rifles and rusted rods,
Nowhere else had life held such purpose
And no one had ever felt so close to God.

There you spun in shadowy Fayfer's Alley
At the gentle end of a summer day
A game of tag with the Angel of Death
–the last Jewish children are at play.

And they threw "srulke-jacks" as though throwing fate
On wooden stairs, on windows.
They ran among the ghosts of night
Playing chase with their own shadows,

There, with their last breaths, darkened mothers
Blew upon their kitchen fires
Frying blackened "coffee-crackers"[3]
Dripping oil, dripping tears.

And fathers with trembling hands
Weighed each bread slice to size,
Then served the bread to their children
Hunger flashing in their eyes…

Never was a bite so sweet
As there around that ghetto table
Where a mother served hot water-stew
And spoons reveled in the bowl.

And never did walls gleam so bright
As they did at home, by windows in the dark,
As at that last meal, that last time

[3] In the ghetto, there was imitation-coffee, which was easier to receive than anything else. Then, people cooked various dishes and even soup from that "coffee." This particular "dish" temporarily blocked hunger, while also tearing holes in the stomach. (Rosenfarb's note)

During those final family talks.

There you spun on Masarske
On a quiet, dusky shabes.
There in silence, with faces of parchment—
Sat the last grandmas, the last bobes

And bearded grandpas, also the last,
With peyes wrapped in old, torn socks,[4]
Hurried to rattle off some psalms
As if scared, as if racing the clock.

And on the mute eve of Yom kiper
You arose with a Kol nidre tune,
With the cry, behind locked shutters
Of the last Sh'ma-Yisroel Jews.

And a life raged, as never before,
And a hero roared, as never before,
And a prayer begged, as never before,
And a beggar pleaded, as never before.

This is you, over a saw, a press-iron
Weaving your web, for days, for years.
Your love and hatred swollen,
Into a hollow of faith, a hollow of fears.

And you spun along with the tailor's jingle:
"Our poor burning town…"
From lips, over bony hands, you trickled,
Like tears, you dripped down.

But then often you'd string yourself higher
With the machine's blast, you'd call,
When sons and daughters would sing
Their hearty "Internationale"

With their fists raised at the fences
Shimshon's eyes turned to fire—
But Shimshon of the ghetto had no hair

[4] Though forbidden, highly pious Jews did not shave off their beards and *peyes*. They always walked around with old handkerchiefs and socks around their faces. (Rosenfarb's note)

No grenades, no guns, no “shpayer.”[5]

And hands were never so forlorn,
They’d never been so barren,
As when those young fingers
Fell back to the saw and to the iron.

And never had the heavens been so dark,
All worlds locked down, a thousand-fold,
And never was a people in its final prayer
So lost and so alone.

You, holy song of ruined home.
You mute melody—you crawled on a rusted wire
You, a body raped a hundred times over
Your soul cleansed, a thousand times more…

There you hang from creaking rooftops
As on the mast of a sunken ship, you cry
From the drowned below, that mimaamakim-call,
Reaches the blue, wide-open sky.

And today, as then, the sun sets
Under fields, under Marishin[6]
You’ve wrapped yourself there, like in a tangled sail,
In an old, torn curtain.

You flutter around in the white, ashen dust
Out from windows without panes
Like a white dream, like a dove
Over a town of haunted shades.

You stretch this blankness over the streets,
Every corner’s been wrapped around.
As if it were the knotty cord
Of a bell that’s muted and drowned.

---

[5] A “*shpayer,*” literally ‘spitter,’ was slang for ‘revolver’ in Holocaust-era Yiddish. (Translator’s note)
[6] Marishin [Polish: Marysin]: A village on the outskirts of the city, annexed to the ghetto. A few fields of grass were growing there. In the summer, the ghetto leaders lived there in cottages. The old Jewish cemetery was there, next to the train tracks that led thousands to extermination. (Rosenfarb’s note)

Then up, up to the ghetto bridge,[7]
You pull that thread of mute melody.
Your torn strings bounce over broken steps,
As if stumbling on piano keys.

Later you pull yourself even higher
Up to the old church steeple, you climb along
You cover all the tombstone-roofs
With your white, dusted veil of song.

Your ash, your breath hover over all,
You chain yourself to that breath through every door
Until shadows emerge from all the holes
Leading you out on a night-stroll.

And again you emerge on Lotnisher Alley
Where there stands a house with half-open shutters,
Where a girl once learned her letters
And a father called her Blimele.[8]

And there, still under the window, in that room
Her doll's cradle, empty
And cast upon it, sleeves strewn
Her father's shirt lies.

There you weave into the silent cradle
Taking cover in its folds
You stay there, muted, until night with its black mantle
Crawls out from every hole.

It's long been night for dead Blimele
And for her father, also gone
But not for you, you holy melody
In that cradle, you're just now born.

You rise from a rotted paper, here
In the father's pocket, left behind,
You rise from a long dried-out tear
Between the erased, rubbed-out lines.

And flesh makes your ashy whiteness full

[7] The ghetto was divided into two quarters, each fenced in separately. Trams, electric cars and wagons could travel in between the two quarters, bringing the only news available from the outside world. A wooden bridge connected one part of the ghetto with the other. (Rosenfarb's note)
[8] That was the name of the daughter of the deceased poet Sh. B. Shayevitsh. (Rosenfarb's note)

And it makes the barren night red;
And you rise with that mimaamakim call
Of the great ghetto poet, dead.

And you rise with joy,
And you rise with love,
And you rise from dust,
And over graves, you climb above.

And you swing the Earth—
With your shiver, it rocks.
And you smash the sword
Of ancient gods.

And out of the ancient desert
You lead weary Earth.
You read the new ten commandments
From all the mountaintops, you call forth.

And with your every groan, generations shake
Your every tear slides down their cheeks:
Right there, they stand on the pyre's flames
And call out your call, mimaamakim.

You, open melody, freed
You, a holy song, raped.
Rise like the Shekhina over a cradle
Carry yourself, like a soul over a grave.

They weren't the last
And they won't be gone for long.
In our being, they'll keep living
They'll rise through our song.

From that handwriting, from that shiver,
From that tear on moldy paper—
That singing wind brings to me
Here, your breath, your air.

So, I call to you from the depths, you my song,
Rise up from their ash and bones
Come into my young, feverish body
Bring their undreamt yearning and unwailed moans.

And make them rise in my joyous blood
With the green of hope, with pride.
Make them live forever in my every day,
Make them holy in my lines.

Brussels, September 1946

---

I wrote this poem before I knew that two of Shayevitch's poems were found in garbage cans in the Baluty district. They were published by the Historical Commission under the name "Lekh lekha (Go Forth)". (Rosenfarb's note)

## ממעמקים

*צו די חורבֿות פֿון לאָדזשער געטאָ.*

פֿון די טיפֿענישן רוף איך דיך,
ליד פֿון פֿאַרשניטענער היים...

דאָרט צווישן צעפֿוילטע פּלויטן און בלינדע לעכער
זוכסטו דײַן אייגענעם שפּור,
ווי אַ פֿאַרבלאָנקעטער הונט.
און הוידעסט זיך אויף ברעטער פֿון צעשיטע דעכער,
ווי אויף אַשיקן געוועב פֿון איר דור —
אַן איינזאַמע שפּין.

דאָרט וויינסטו אַרײַן אין אַ פֿאַרטרוקנטן ברונעם,
ווי אויף אַ מאַמעס טויטער ברוסט —
אַ לעכצנדיק קינד.
און יאָמערסט אַרויס פֿון אַ צעפֿאַלענעם קוימען
אַזוי קלאָגעדיק און וויסט,
ווי אַ בית־עולמדיקער ווינט.

דאָרט קלימפּערסטו אין נאַקעט־צעשפּאָלטענע שויבן,
ווי אין אומקום־געציטער —
אַ האַרבסטיקע פֿליג.
און הוידעסט זיך מיט גראָזן אויף חרובֿע שטיינער,
ווי די נשמה איבער אַ קבֿר

— — — — — — — — — — — 

ווי די שכינה איבער אַ וויג.

דו הייליק ליד פֿון חרובֿער היים
דאָרט וואָגלסטו דורך גאַסן וויסט און נאַקעט
און רופֿסט פֿון יעדער שמאַטע, יעדער שטיין
דײַן שטום גערוף פֿון ממעמקים.

אָט זע איך דיך דאָרט אויף מלינאַרסקע, מאַרישינער
ווי דאַרסט מיט אַ דאָרן אין טרוקענער ערד.
אַמאָל ביסטו דאָרט אויפֿגעגאַנגען מיט דער באָטווינע,[9]
וואָס האָט זיך רויט געגרינט פֿאַר יעדער שוועל.

און אויפֿגעגאַנגען איז דאָרט ציטריק דינע ציבעלע,

[9] אין געטאָ האָט כּמעט יעדער געהאַט אַ בייט ערד, וועלכן ער האָט באַאַרבעט. די פֿרוכטן פֿון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מער געגעבן דער נשמה ווי ידעם לײַב.

און קאַרטאָפֿל־בייטן האָבן שמייכלענדיק געבליט,
אוןווילדגראָז האָט גערייניקט דאָרט אַ געטאָ ייִדענע
און מיט אַ קענדל וואַסער האָט געשפּאַנט אַ געטאָ־איד.

און פֿייגל האָבן קיינמאָל שענער נישט געזונגען,
ווי דאָרטן אויף אַ דאַרער צווײַג.
ס׳איז קיינמאָל האָפֿענונג אַזוי גרין נישט אויפֿגעגאַנגען,
ווי אויף אַ הויקערדיקער געטאָ־בייט.

און כאָטש געהאָנגען איז דער הימל אויבן,
אַרומגעזיימט מיט קאָלבעס און מיט זשאַווער דראָט,
דאָך האָט אין ערגעץ אַזאַ טעם געהאַט דאָס לעבן
און פֿאַר קיינעם אַזוי נאָענט געווען איז גאָט.

— — — — — — — — — — —

דאַרט האָסטו זיך געשפּינט אין שאָטנדיקן פֿײַפֿער־געסל,
ווּ ס׳האָבן אין פֿאַרנאַכטן זומערדיקע, לינדע
געשפּילט אין „בלינץ“ מיט מלאך־המוות
די לעצטע ייִדישע קינדער.

און האָבן „סטרולקעס“ ווי דעם גורל געוואָרפֿן
אויף הילצערנע שטיגן, צי אויף אַ פֿענצטער.
און האָבן אין „יאָג“ געשפּילט מיט אייגענע שאָטנס
און מיט נאַכטיקע אימה־געשפּענסטער.

דאָרט האָבן מיטן לעצטן אָטעם חושכדיקע מאַמעס
דאָס פֿײַער אויף היימישע קיכן צעבלאָזן
און האָבן „קאַווע־פּלעצלעך“ שוואַרצע געפּרעגלט[10]
און טראָפּנס אייל מיט קוואַלן טרערן אונטערגעגאָסן.

און טאַטעס האָבן מיט ציטריקע פֿינגער
חלקים ברויט אויף אַ שטריקל־וואָג געוויגן,
און פֿלעגן אַ שניצעלע דערלאַנגען צו די קינדער
און תּאווהדיק עס פֿלעגן צאַפּלען זייערע הונגעריקע אויגן...

ס׳איז קיינמאָל אַזוי זיס נאָך נישט געווען דער ביסן,
ווי דאָרטן בײַ דעם געטאָ־טיש,
ווען ס׳פֿלעגט אַ מאַמע פּאַרעדיקע וואַסער־זופּ צוגיסן
און לעפֿל האָבן יום־טובֿדיק אין טעלער זיך צעמישט

און קיינמאָל האָבן ווענט געשײַנט נאָך אַזוי ליכטיק,

10 אין געטאָ איז געווען אַן ערזאַץ־קאַווע, וועלכע איז געווען לײַכטער צו באַקומען ווי עפּעס אַנדערש. דעריבער האָט מען פֿון דער „קאַווע“ געמאַכט פֿאַרשיידענע מאכלים און אַפֿילו זופּן געקאָכט. די דאָזיקע „עסנס“ האָבן צײַטווײַליק פֿאַרשטאָפּט דעם הונגער און דערבײַ צעלעכערט דעם מאָגן.

ווי אונטער שוואַרצע פֿענצטער פֿון דער היים,
ווי בײַ דעם לעצטן מאָלצײַט, אין דער שעה דער לעצטער,
ווי בײַ די לעצטע משפּחהדיקע רייד.

— — — — — — — — — — —

האָסטו געשפּינט זיך דאָרטן אויף מאַסאַרסקע —
אין אַזאַ שטילן בין־השמשותדיקן שבת,
ווען ס׳זענען מיט פּאַרמעט־פּנימער אַנטקעגן הימל געזעסן
די לעצטע שווײַגנדיקע ייִדישע באָבעס.

און זיידעס, די לעצטע, מיט באָרד און פּיאות,
פֿאַרוויקלט אין אַלטע צעריסענע זאָקן,[11]
האָבן תּהילים־פּסוקים אײַלנדיק אַזוי געפּרעפּלט,
אַז זיי וועלן נישט באַוויַזן, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן.

און אין שטומע יום־כּיפּור־פֿאַרנאַכטן
ביסטו אויפֿגעגאַנגען מיט כּל־נדרידיקן ניגון,
מיטן געיאָמער אונטער לאָדנס פֿאַרמאַכטע
פֿון לעצטן מנין שמע־ישׂראל ייִדן.

און קיינמאָל האָט אַ לעבן נאָך נישט געצאָרנט,
און קיינמאָל האָט אַ גיבור אַזוי נאָך נישט געוויעט,
און קיינמאָל האָט אַ תּפֿילה אַזוי נאָך נישט געבעטלט
און קיינמאָל האָט אַ בעטלער אַזוי נאָך נישט געשנאָרעט

— — — — — — — — — — —

אַזוי האַסטו געוועבט זיך טעג און יאָרן
איבער אַ פּרעס־אײַזן, איבער אַ זעג.
איז דײַן ליבע און דײַן שׂנאה אויפֿגעשוואָלן
און תּהומיק טיף געווען דײַן גלויבן און דײַן שרעק.

און האָסט געשפּינט זיך מיטן שנײַדערישן זמר:
„ווען אונדזער אָרעם שטעטל ברענט...“
און טרערנדיק אַזוי דו האָסט אַראָפּגערונען
פֿון ליפּן איבער ביינערדיקע הענט.

נאָר אָפֿטמאָל האָסטו זיך פֿאַרצויגן העכער
און האָסט זיך מיט מאַשינען־רויש צעקלונגען,
ווען ס׳האָבן יונגע זין און טעכטער
זיך יובֿלדיק מיט אינטערנאַציאָנאַל צעזונגען.

[11] די גאָר פֿרומע ייִדן האָבן טראָץ דעם פֿאַרבאָט נישט אַראָפּגענומען באָרד און פּיאות, זיי זײַנען שטענדיק געגאַנגען אַרומגעהילט מיט אַלטע טיכער און זאָקן אַרום פּנים.

און ס׳האָבן פֿויסטן זיך צו דראָטן אָנגעצויגן
און שמשון האָט אין אויגן זיך צעפֿײַערט,
נאָר שמשון אינעם געטאָ איז אָן האָר געווען...
אָן איין גראַנאַט, און אָן איין „שפּײַער“.

און ס׳זענען הענט נאָך קיינמאָל אַזוי נאַקעט
נאָך קיינמאָל אַזוי נעבעכדיק געווען,
ווי דאַן ווען ס׳פֿלעגן יענע יונגע פֿינגער
ווידער פֿאַלן אויפֿן זעג און אויפֿן אײַזן.

און קיינמאָל זײַנען הימלען געווען אַזוי חושך,
און קיינמאָל וועלטן אַזוי טויזנטפֿאַך פֿאַרשלאָסן,
און קיינמאָל איז אַ פֿאָלק אין זײַן תּפֿילה דער לעצטער
נישט געווען אַזוי איינזאַם און פֿאַרלאָזן.

— — — — — — — — — — —

דו הייליק ליד פֿון חרובֿער היים.
אויף זשאַווער־דראָט געקרייציקטער דו, ניגון שטומער,
דו גוף צו הונדערט מאָל הונדערט געשענדעט,
דו צו טויזנט מאָל טויזנט — געלײַטערטע נשמה.

דאָרט הענגסטו איצט אויף סקריפּענדיקע דעכער,
ווי אויף די מאַסטן פֿון אַ דערטרונקענער שיף,
און רופֿסט צו הימלען בלוי אַזוי צעעפֿנט
פֿון די דערטרונקענע דעם ממעמקים־רוף.

און הײַנט גייט ווי דעמאָלט אונטער די זון
אונטער פֿעלדער, אונטער מאַרישין,[12]
און דו טוליעסט זיך הײַנט, ווי נ׳אַ זעגל פֿאַרשפּינט
אין אַ צעריסענער, אַלטער גאַרדין.

און פֿלאַטערסט אין ווײַסן אַשיקן שטויב
אַרויס פֿון בלינדע, אָנשויביקע פֿענצטער
ווי אַ חלום אַ ווײַסער, ווי אַ שלומדיקע טויב
איבער אַ שטאָט פֿון טויטע געשפּענסטער.

און צעוויאַנעסט דײַן ווײַסקייט איבער אַלע גאַסן
און הענגסט זי אָן אָן יעדער ראָג,
ווי זי וואָלט אַ שטריק, אַ צעקנופּטע געווען
פֿון אַ שטומען דערטרונקענעם גלאָק.

[12] מאַרישין. אַ הינטערשטאָטיש־דערפֿל. אײַנגעגלידערט אין געטאָ. דאָרט האָבן זיך געצויגן אַ פּאָר גראָזיקע פֿעלדער. זומער פֿלעגן אין די כאַטקעס דאָרט וווינען די געטאָ־מושלים אויף דאַטשע. דאָרט איז געווען דער אַלטער ייִדישער בית־עולם, דערנעבן די באַן־ליניע וועלכע האָט אַוועקגעפֿירט טויזנטער צו פֿאַרניכטונג.

און שלעפּסט דײַן שנור פֿון פֿאַרשוויגענעם ניגון
אַרויף, אַרויף צו דער געטאָ־בריק[13].
און ווי אויף קלאַווישן — צעבראָכענע שטיגן
באָמבלען דײַנע צעריסענע שטריק.

און שפּעטער ציסטו זיך און טראָגסט זיך העכער,
ביז צום קירכע־שפּיץ אויף אַלטן מאַרק.
און שלייערסט אום אַלע מצבֿהדיקע דעכער
מיט ווײַסן שטויב פֿון דײַן געזאַנג

און איבעראַל עס שוועבט דײַן אַש, דײַן אָטעם
און קייטלסט זיך מיט אים דורך אַלע טירן,
ביז פֿון אַלע לעכער קומען אָן די שאָטנס
און פֿירן דיך אויף דײַנע נאַכט־שפּאַצירן.

און ווידער קומסטו אויף לאָטניטשע־געסל
דאָרט שטייט אַ הײַזל מיט לאָדנס האַלב אָפֿן,
דאָרט האָט אַ מיידעלע אַמאָל אלף־בית געלערנט
און אַ טאַטע האָט זי בלימעלע[14] גערופֿן.

און ס׳שטייט נאָך אַלץ דאָרט אונטערן פֿענצטער
דאָס ליידיקע וויגעלע פֿון איר ליאַלקע,
און צעשלאַבערט אויף אים, מיט אַרבל צעוואָרפֿן
ליגט דאָרט איר טאַטנס מאַרינאַרקע.

דאָרט וועבסטו זיך אַרײַן אין שווײַגנדיקן וויגל
און דעקסט זיך מיט די פּאָלעס ביידע איבער.
און שטומסט, ביז נאַכט מיט שוואַרצע טיכער
קריכט אַרויס פֿון אַלע גריבער.

ס׳איז נאַכט שוין לאַנג פֿאַר טויטער בלימעלען
און נאַכט פֿאַר איר טאַטן, דעם טויטן,
נאָר נישט פֿאַר דיר, דו הייליקער ניגון,
דו ווערסט אין דער וויג ערשט געבוירן.

גייסט אויף פֿון אַ שטיקל פֿאַרשימלט פּאַפּיר
אין טאַטנס קעשענע פֿאַרבליבן,
גייסט אויף פֿון אַ לאַנג שוין פֿאַרטרוקנטער טרער
צווישן שורות פֿאַרמעקט און צעריבן.

און פֿול ווערט דײַן אַשיקע ווײַסקייט מיט גוף

[13] דאָס געטאָ איז געווען אײַנגעטיילט אין דרײַ קוואַרטאַלן, באַזונדער אַרומגעצוימטע מיט דראָט. צווישן די קוואַרטאַלן, אינמיטן וועג זײַנען געפֿאָרן שטאָטישע טראַמווייען, אויטאָס, פֿורן, געבראַכט די איינציקע גרוסן פֿון דרויסן. איין טייל פֿון געטאָ איז געווען פֿאַרבונדן מיטן אַנדערן דורך אַ הילצערנער בריק.
[14] אַזוי האָט געהייסן דאָס טעכטערל פֿונעם אומגעקומענעם געטאָ־דיכטער ש. ב. שאַיעוויטש.

און רויט ווערט די נאַכט יענע וויסטע;
גייסט אויף מיטן ממעמקים געראָף
פֿון טויטן געטאָ־דיכטער.

און דו גייסט אויף מיט פֿרייד,
און דו גייסט אויף מיט ליבע,
און גייסט אַרויס פֿון שטויב
און שטײַגסט אַריבער גריבער.

און דו צעוויגסט די ערד
מיט דײַן געציטער,
און דו צעברעכסט די שווערד
פֿון אַלע אַלטע געטער.

און פֿירסט די מידע ערד
אַרויס פֿון אַלטן מדבר,
און לייענסט פֿון אַלע בערג
די נײַע עשׂרת הדברות.

און מיט דײַן יעדן קרעכץ ציטערן דורות,
או ס׳גליט דײַן יעדער טרער אויף זייערע באַקן:
אָט שטייען זיי אַליין אויף שײַטער פֿײַער
און רופֿן דײַן געראָף פֿון ממעמקים.

— — — — — — — — — — —

דו אָפֿענער ניגון באַפֿרײַטער
דו הייליק געשענדעט ליד.
טראָג זיך ווי די נשמה איבער אַ קבֿר
גיי אויף ווי די שכינה איבער אַ וויג.

נישט די לעצטע זײַנען זיי געוועזן
און נישט אויף אייביק זײַנען זיי פֿאַרגאַנגען.
אין אונדזער זײַן ווען זיי לעבן
און אויפֿגיין אין אונדזערע געזאַנגען.

פֿון יענעם כּתבֿ, פֿון יענעם ציטער,
פֿון יענער טרער אויף שימלענדיק פּאַפּיר —
עס פֿירט דײַן הויך און יעדער אָטעם
דער ניגון־ווינט אַהער צו מיר.

טאָ רוף איך דיך פֿון טיפֿענישן, דו מײַן ליד
גיי אויף פֿון זייער אַש און זייערע ביינער;
קום אַרײַן אין מײַן יונגן, צעפֿיבערטן גוף
מיט זייערע נישט דערחלומטע בענקשאַפֿטן און נישט דעריאָמערטע געוויינען.

און אייביק זיי אין מײַן יעדן טאָג,
און הייליק אין מײַן יעדער שורה.
גיי אויף אין מײַן יום־טובֿדיקן בלוט
מיט גרינער האָפֿענונג און מיט גבֿורה.

*בריסל, סעפּטעמבער 1946.*

*דאָס ליד געשריבן געוואָרן נאָך איידער כ׳האָב געוווּסט, אַז מען האָט אין לאָדזש אויף אַ באַלוטער מיסטקאַסטן געפֿונען צוויי לידער פֿונעם דיכטער שאַיעוויטש. זיי זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע א. נ. „לך־לך“.*